STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04056

UNTER FREMDE HIMLEN

Yossel Birstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[illegible]

15-7-1949

אונטער פרעמדע הימלען

UNTER FREMDE HIMLEN

BY YOSEL BIRSZTEIN

●

ILLUSTRATIONS — YOSEL BERGNER

Printed by "YORK PRESS" Ltd., 198-202 Faraday St.,
Carlton, N.3., Melbourne, Victoria, Australia.

יאָסל בירשטיין

אונטער פרעמדע הימלען

יאָסל בירשטיין

אונטער פרעמדע הימלען
לידער

הילע און צייכנונגען: יאָסל בערגנער

מעלבורן 1949 אויסטראַליע

ארויסגעגעבן מיט דער מיטהילף
פון דער
„קדימה" יוגנט אָרגאַניזאַציע

דרוקעריי „יארק פרעס", שעלבורן
געזעצט: א. זעגער; מאָנטירט: מ. שמשוני

מיין טאַטע — נח־נפתלי, מיין מאַמע — מלכה, שוועסטער — חנה־טויבע, ברודערל — יאַנקעלע, אומגעקומענע אין די היטלער־שחיטות.

מיין טאַטנס שוויים

(חיים גורט׳ן).

מיין טאַטנס שוויים איז נאָס נאָך אויף מיין העמד
און זיין גרייטקייט ס׳לעבן דורכצוקומען
האָב איך מיט זיך אין דער פרעמד
ווי אַ תפילה מיטגענומען.

אָפּצושפּרעכן פּאַרכטיק-פרום
דעם פאַלשן חן, דעם פוסטן וווּנדער.
און פאַרהיטן זיך אַליין
פון צו בלייבן אָפּגעזונדערט.

מיין שפלות איז מיר נישט קיין גזר.
איך בין דערנידעריקט צו קענען זיין צוזאַמען
מיט מיין טאַטנס שווער-געפּרוווטן צער,
מיט דער ליבשאַפט פון מיין שטילער מאַמען.

אַן אָפּגעריסענער בין איך פון זיי.
און זיי אַליין — נישטאָ. פאַרטיליקט.
נאָר זיס איז מיר נאָך אַלץ דער טעם
פון זאָגן נאָכאַמאָל: כ׳בין צייטיק, בין ווייליק.

ווייל מיין לעבן איז דאָס לעבן פון אַ שעפּס
און מיין גורל ווי אַ שעפּס איך אָננעם.
מיין ביסל פרייד — ווי יעדנס אויף דער וועלט.
נאָר מיין טרויער האָט אַן אַנדער פּנים.

מיין טאַטנס שוויים איז נאָס נאָך אויף מיין העמד
און זיין גרייטקייט ס׳לעבן דורכצוקומען
האָב איך מיט זיך אין דער פרעמד
ווי אַ תפילה מיטגענומען.

כ׳געזעגן זיך

צו וועמען אויסשטרעקן אַ האַנט ?
אַ פּולע שטוב :
אַ וואַנט, אַ טיש, אַ בענקל.
אויך זיי באַגערן שטילערהייט
מען זאָל אָן זיי געדענקען.

כ׳נעם זיך אָן מיט דעם באַגער,
דעם שטילן פון אַלע שטילסטע וואונדער.
פון זאַכן אָן אַ לשון, אָן אַ קול,
וואָס ווילן דערהערט ווערן און גאָר באַזונדער.

כ׳שטרעק אויס מײַן האַנט אַ לעצטן מאָל
נאָך דער ברכה פון זכרון.
מײַן טאַטע לייענט מיר פאָר
אַ מעשה פון אַ מענטש.
אַ משל מיט אַ מענטשנס יאָרן.

ער זאָגט צו מיר : זיי אָפּגעהיט,
זיי אָפּגעהיט פון גיין פאַרלוירן.
ס׳קאָן זיין, אַז גאָט איז אומעטום.
מערער — ווו מען ווערט געבוירן.

און איך — אַ יינגל — הער זיך צו
צו דער בענקעניש פון טאַטנס יאָרן
און שטרעק מײַן האַנט אַ לעצטן מאָל
נאָך דער ברכה פון זכרון.



אויף דיין פּייערדיקער חתונה

איצט וואָלסטו שוין געווען אַ כלה-מויד
מיט אַלע מיידל-חנען ווי באַליטנס.
פֿאַר אַ כלה האָט דיך אויסגעכאַפּט דער טויט
און חתונה געהאַט מיט דיר באַצייטנס.

ווער האָט אויף דער חתונה געפֿעלט ?
געקומען זענען אַלע: פֿרעמדע, שכנים.
האָט אַ טאַנץ געטאָן דער טייוול מיט דער וועלט
און דו — מיט כל-ישראל אינאיינעם.

שיין האָסטו געטאַנצט. מיט ברען, מיט פֿלאַם.
אַזוי-אַ טאַנצן קאָן נאָר אונזער שטאַם
מיט האַרץ און גוף צום פֿלאַם איבערגעגעבן.
אַזוי-אַ טאַנצן קאָן נאָר אונזער ליב-און-לעבן.

נאָר איך בין נישט געקומען גאָר אינגאַנצן
אויף דיין פּייערדיקער חתונה צו טאַנצן.

צייכנס פון דיין פּנים

ב׳לעב אויף די צייכנס פון דיין פּנים.
די גרויע אָרימקייט פון אונזער גאַס אפילו
האָט אַראָפּגעלויכטן פון דיר ווי אַ תפילה.
ווער האָט די תפילה דיינע דען פאַרנומען?

איצט לעבן נאָר די אותיות פון דיין נאָמען.
די יידישע פאַרוואָגלטקייט, וואָס מיד און שווער,
פלעגט לאָזן פאַלן אויף דיר אַ שטילע טרער —
אַ רמזל אויף דעם וואָס האָט געדאַרפט קומען.

און ס׳איז געקומען. אַצינד איז אַלץ שוין קלאָר.
ווי ס׳איז דאָס גראָז אויפן שטילן פעלד,
ווי ס׳איז די פינסטערניש אויף יעדן שפּאַן.
שטיי איך מיטן פּנים צו דער וועלט
פון ליכטיקייט, וואָס איז אין אַש פאַראַן.

זע

זע, מיר קומען ווידער
מיט אַ גלויביק וואָרט
פון טרויעריקע לידער
צום טרויעריקן אָרט.
נאָכאַמאָל מיט תמימות,
צום טרויעריקן מענטש
נאָך אַזויפיל קללות
זאָגן פרום: איך בענטש.
צו ווערן צוריק באַהאָפטן
מיט גאָטס ליכט, וואָס שטראָמט
אין תהום פון אַלע דורות —
אויך אין אונדזער תהום.
יאָ, מיר קומען ווידער
פאַרעלטערט שוין און גראָ,
עקשנותדיק צו טענהן
מיר זענען ווידער דאָ.
אַן אָטעם צו פאַרהיטן
פון אַ לעצטן ייד.
אַ קבר צו פאַרשיטן —
דעם יאוש פון געמיט.
מיט חכמה פון דעם לעבן
צו פאַרהילן דעם טויט
וואָס וועט סיי־ווי שוין קלעפּן
צו יעדן ביסן ברויט.
זע, מיר קומען ווידער
מיט אַ גלויביק וואָרט
פון טרויעריקע לידער
צום טרויעריקן אָרט.

אין סוף פון די טעג

(הערץ בערגנער׳ן).

אין סוף פון די טעג פון דעם גרויסן געוויין
איז אַ טרויעריק ייִנגל געקומען צו גיין

צום חורבן הויז. אַזוי ווי אַמאָל
מיט אַ פלאַמיקן אָטעם דער נביא צום טאָל.

מיט אומרו אין האַרץ, מיט אייליקע טריט
צו זוכן אַ וואָרט פון פאַרלאָשענעם ליד.

נאָר שטום ווי אַ דומם און אומהיימליך גרויס
געוואַכט איבער אים האָט די שטילקייט פון הויז.

איז ס׳ייִנגל געשטאַנען פאַרגליווערט. און שטום
געשלונגען די שטילקייט פון טויטן אַרום.

דערפילט מיטאַמאָל אַזאַ בראָך אין די קני
און זיין גוף צו דער ערד האָט געטאָן זיך אַ ציִ.

צו דער היימישער ערד מיטן פנים אַראָפּ
אַזוי ווי צום שלאָגן די ערד מיטן קאָפּ.

נאָר שטום ווי אַ דומם און אומהיימלעך גרויס
געוואַכט איבער אים האָט די שטילקייט פון הויז.

האָט ס'יינגל געטאָן פֿון דער ערד זיך אַ הייב.
דערשטיקט דאָס געשריי פון פאַרפּייניקטן לייב

און שווער ווי אַ זקן געלאָזן זיך גיין
אַריבער דער שוועל פון דעם גרויסן געוויין.

און שטיין געבליבן אין דער ליידיקער שטוב.
אַזויווי אַן אבל ביים אָפענעם גרוב.

און שטום ווי אַ דומם און אומהיימלעך גרויס
געוואַכט איבער אים האָט די שטילקייט פון הויז.

האָט ס'יינגל געעפנט ווי איוב זיין מויל.
נאָר נישט אויף קיין קללות. ס'געבראָכענע קול

האָט קוים זיך געהערט אין דער גרויזאַמער רו:
וווּ זיינען זיי אַלע, וווּ זיינען זיי, וווּ?...

דאָס קול האָט געבלאָנדזשעט צווישן די ווענט
האָט ס'יינגל זיין פנים פאַרשטעלט מיט די הענט

און שטום ווי אַ דומם און אומהיימלעך גרויס
געוויינט אין דער שטילקייט פון חרובן הויז.

ס'געפֿעט

כ'קום איצט פֿון היילן, פֿון וואַלד און פֿון פֿעלד.
וווּנדערלעך, וווּנדערלעך גאָט, איז דיין וועלט —
וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך?

מער ווי די שרעק פֿאַר מיין היימישער שטאָט
יאָגט מיך דער פּחד פֿון אייגענעם טראָט —
וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך?

ווי גרויזאַם דאָ איז? ווי רואיק, ווי שטיל?
אויך איך בין פֿאַרגרויזאַמט און מיד שוין פֿון שפּיל —
וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך?

כ'בין מקנא דעם שטיין וואָס עס וואַרפֿט ווער אַריין
אין אַ ברונעם אַריין און ער זינקט דאָרטן איין —
וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך?

דיין רוף: יהי אור, איז פֿאַרטונקלט און שוואַרץ.
ס'איז הפקר מיין לעבן. נאָכנישט מיין האַרץ —
וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך?

אונטער דיין דראָענדיקער האַנט

האָסט אויסגעשטרעקט אויף מיר דיין דראָענדיקע האַנט —
כ׳בין אַ שאָטן פון אַן אָפּגעבערענטער וואַנט.

דעם צייכן פון מיין טאַטנס לעצטע טריט
פאַרהילט די שטילקייט פון אַן אויסגעלאָשן ליד.

און שעה אויף שעה זאַמלען זיך מיט גרויל
צו דערציילן פון מיין מאַמעס יאָמערלעכן קול

צום דומם־האַרץ פון אדם־מענטש.
בעת ס׳האָבן אירע הענט אין איילעניש דערבענטשט

אַ לעצטן מאָל — די יידיש־קרייזלדיקע האָר
פון מיין ברודערל פון זיבן יאָר.

האָסט אויסגעשטרעקט אויף מיר דיין דראָענדיקע האַנט —
כ׳בין אַ שאָטן פון אַן אָפּגעבערענטער וואַנט.

פון דער נאַכט, וואָס איז אין הימל שוין פאַרטויאיקט
כ׳עפן אויף צו דיר אַ יידיש אויג.

מיין לעבן וואַכט איצט אויף פון אַ געוויין
ווי אַ גראָז, וואָס שפּאַרט זיך דורך דורך שטיין

און טוט זיך מיען נאָכאַמאָל אַ צאַפּל טאָן
צו פרימאָרגנדיקער פלייצנדיקער זון.

צו דיין אויסגעשטרעקטער דראָענדיקער האַנט
אין דעם שאָטן פון דער אָפּגעבערענטער וואַנט.

אַ בריוו אין מיין האַנט

ביי דער גוטער שכנה אין שטאָל
שרייבט אַ בריוו
מיין שוועסטער פון פערצן יאָר.
אירע האָר
זענען פאַרדעקט מיט דער מאַמעס טיכל.
זי וויינט פאַר דעם שמאָלן ליכט
פון די שפּאַרונעס פון שטאָל.
דער הונגער טוט איר וויי.
ס'ציטערט איר שמאָלער גוף,
אויף די קני
איר דינע האַנט —
ברודער אין ווייטן לאַנד.

ס'יאָר איז אַזוי, אַזוי.
פון אַלע — אַליין געבליבן,
די בריוו, וואָס זי האָט געשריבן,
גיט זי דער גוטער שכנה אין האַנט —
ברודער אין ווייטן לאַנד.

מיין שוועסטער איז מער נישטאָ
נאָר ס'ליכט דורך שמאָלע שפּאַרונעס
זוכט נאָך אַרום
ביי דער גוטער שכנה אין שטאָל
ס'געשטאַלט פון מיין שוועסטער.

טאָכטער שיינע פון די דריי מתנות

(צו דערמאָנען טויבעלע צוקער —
אומגעקומען על קידוש - השם).

זיי האָבן דיך פאַרפיניקט אָן רחמנות —
טאָכטער שיינע פון די דריי מתנות.

שוועסטער פון מיין שווער-געפּרוּווטער שטאָט.
פאַראַן אַ צייכן נאָך פון דיין גענאָד
אויף מיין מער נישט יינגלדיקן שטערן.
און פאַרבאָרגן ווו אין מיין געמיט —
אַ סימן פון דעם דרעמלענדיקן ליד
וואָס כ'האָב אַרויסגעפּרעפּלט פון דיין ווייכער שוים.

איצט ביסטו אוים.
דיין מיידלשאַפט פון מלא-חן
לייען איך איצט אין פּנקס פון געוויין.
דאָרט בלייבן וועט מסתמא שוין פאַרהוילן
די פאַרציטערטקייט פון דיינע אויגן.
אויך דיין אָפּגעציטערט לעבן
וואָס נישט דערוועקט האָט גאָטס רחמנות —
טאָכטער שיינע פון די דריי מתנות.

מיין ברודערל

דאָס ייִדישע וואָרט און דאָס ייִדישע ליד
ליגן אין שפּייכלערס פון טרויער און פּיין.
אַ שפּייכלער אַזאַ איז אַ יעדנס געמיט
וואָס האָט זיך באַהאַפטן מיט אונזער געוויין.
זאָל לייכטן דאָס וואָרט און דאָס ליד, וואָס באַקליידט
דאָס קינדיש געמיט מיטן חלום פון פרייד —
מיין ברודערל איז אַ בערגעלע אַש.

די ווענט פון דער שטוב. די דחקות פון דרויסן
האָט טרויעריק געשמייכלט צו זיין זיבעטן יאָר,
אַן אומעטיק גופּעלע מיט אַ קאָפּ פון אַ גרויסן
באַוואַקסן מיט שוואַרצע געקרייזלטע האָר.
די מאַמע ט׳געזאָגט: מיין גאָלדענע קרוין,
זיי די לוין פאַר מיין צער, אויב פאַר צער קאָן זיין לוין —
מיין ברודערל איז אַ בערגעלע אַש.

זמער־טעג האָט ער געלאַכט. געמיינט
אַ גראָז ווערט אַ בוים. גאָט האָט אַ באָרד.
ווינטער — פאַר פראָסט און פאַר פחד געוויינט
און ליב געהאַט ס׳האָלץ, וואָס וואַרעמט די שטוב.
די היימישע שטוב, ווי אַ קיילעכדיק יאָר,
האָט געצייטיקט דער צער פון דער יידישער וואָר —
מיין ברודערל איז אַ בערגעלע אַש.

די גאַס האָט געכאָוועט. אָפט מיט גענאָד
צום בענטשן געהויבן צעמזיקטע הענט.
נאָר קללה ט׳פאַרטריבן די ברכה פון גאָט.
דער גאַז האָט פאַרסמט. דאָס פייער פאַרברענט.
די מאַמע ט׳געזאָגט: וואַקס ליכטיק, וואַקס גרויס.
זיי ס׳ליכטיקע פענסטער פון פינצטערן הויז —
מיין ברודערל איז אַ בערגעלע אַש.

דאָס יידישע וואָרט און דאָס יידישע ליד
ליגן אין שפייכלערס פון טרויער און פיין.
געבויגענערהייט מיט פאַרשפּעטיקטע טריט
זע, ווי ער קומט, דער נביא צוגיין
צו באַלייכטן דאָס וואָרט און דאָס ליד וואָס באַקליידט
דאָס קינדיש געמיט מיטן חלום פון פרייד —
מיין ברודערל איז אַ בערגעלע אַש.

באַהעל מיך נישט

באַהעל מיך נישט מיט זון און טאָג.
כ׳בין שוין מיד פון ליכט און שיין.
אַ ווינקל נאַכט וועט זיין גענוג
און לאָז מיר דאָרטן זיין.

כ׳וועל אָפּהיטן דאָס מינדסטע ליד
ווי יעדעס וואָרט וואָס איז מיר נאָענט
אָטעמט מיט אַ פּיין
אין וואָס איך בין נאָך נישט דערקאָנט.

פאַרקנעט מיך, ווי דער טעפּער דאָס ליים,
אין דעם גורל פון מיין היים.

פאַרטייטש מיר נאָכאַמאָל דעם פּשט
פון דער מעשה וואָס דערציילט
פון אַ חסידות־פרייד, וואָס האָט
געהיילט די עצבות פון דער וועלט.

פון אַן עלטערזיידן וואָס זיין ליבשאַפט
האָט געשטראַלט ביים מינדסטן נויג —
ווי אַ בלאַסער אָפּשיין אין דער וויט
פאַרשווינדט עס פון מיין מידן אויג.

פאַרקנעט מיך, ווי דער טעפּער דאָס ליים,
אין דעם גורל פון מיין היים.

כ׳זע מײַן עלטערזײדן שטײן
אויף אַ שפּיץ פון קרעטשמע־דאַך.
דער פּרײַן — אונטן — שטינקט מיט בראָנפן
ער האַלט אַ ביקס אין האַנט און לאַכט.

ער זשמורעט־צו אַן אויג און צילט
טוט דאָס צינגל פון דער ביקס אַ צי.
מײַן עלטערזײדע צעשפּרײט די הענט
און טוט װי אַ פויגל אַ פלי.

פאַרקנעט מיך, װי דער טעפּער דאָס לײם,
אין דעם גורל פון מײַן הײם.

כ׳באַדאַרף דאָך גאָר נישט קײן מגילות
אויפוויקלען פון יענעם דור
מײַן עלטערזײדע װי אַ פויגל
פליט אַרום נאָך אין מײַן װאָר.

זײַנע פּאָלעס — שוואַרצע פליגל
נאָר זײַן גלויבן גאַנץ און פרום.
פאַר אים האָט הימל און גאָט געזונגען,
פאַר מיר איז אַלץ שוין שטום.

פאַרקנעט מיך, װי דער טעפּער דאָס לײם,
אין דעם גורל פון מײַן הײם.

פאַרטייטש מיר נאָכאַמאָל דעם פשט
פון דער מעשה וואָס דערציילט
פון אַ וואַסערטרעגערס טריט.
פון אַ בעל־שם־טוב אויפן פעלד,

וואָס גייט מיט יום־טובדיקע טריט
תפילה טאָן מיט גראָז און זאַנג
און טייטשט דעם פשט פון וועלט —
ליבשאַפט און געזאַנג.

פאַרקנעט מיך, ווי דער טעפער דאָס ליים,
אין דעם גורל פון מיין היים.

גורל מיינער

פלאַטער מער נישט ווי אַ יום-טובדיקע פאָן.
אויפגעריסן פון אַ שטורעם איז מיין דאַך.
איידער נאָך עס קרייט דער ערשטער האָן
איז דער טאָג פון ווײ שוין וואַך.

קול פון אומקום הער איך אינם ווינט.
איובס קלאָג, וואָס יאָמערט דור נאָך דור.
ווען איך בין געווען נאָך גאָר אַ קינד
אויפגעיאָמערט האָט שוין דאָן מיין וואָר.

נאָענט ביי דר'ערד, צווישן קעלער-ווענט
אויפגעוואַכט האָט מיין געשריי פון ערשטער שעה.
נאָר אַ צינד איז אויך שוין אַ מאַידאַנעק דאָ.
שטרעקן זיך פון דאָרט מיין מאַמעס הענט.

איידער נאָך עס קרייט דער ערשטער האָן
צינדן זיי זיך אָן . . .

אויפגעגאַנגענע

איר אויפגעגאַנגענע, געגאַנגען און דערגאַנגענע
מיט אָרעמס אויפגעריסענע און ברענענדיקע טריט.
כ׳דאַרף פריער ווערן אַ פּאַרסמטער, אַ געהאַנגענער
דער גרויסער ווײ זאָל אויפגיין ווי אַן אמת אין מיין ליד.

כ׳דאַרף אָנלאָדן אויף מיינע פּלייצעס שווערע טרויערן
און נישט קיין משא, נישט קיין יאָך זאָל זיין צו־שווער
מיט גרייטקייט זענט איר אויפגעגאַן צו נעמען געטאָ־מויערן
און נאָך מער גרייט געווען צו נעמען אויף זיך מער.

עס האָט אַ פינסטערניש אין אייך אַריינגעריסן זיך
און אויסגעלאָשן גאָטס בראשיתדיקן יהי אור.
האָט איר אין חשכות זיך געפונען. אָנגעצונדן זיך
אַז ליכטיק ווערן זאָל די גורלדיקסטע וואָר.

און ס׳ האָט אַ בלישטש געטאָן פון לייבער העלע פלאַקערן.
פון העלדזער אויפגעשניטענע—געשריי פון שוועל צו שוועל
אַז אויפגעציטערט האָט דער טויט אין קוילערס לאַגערן
און אויפן קוילער אויפגעשווידערט האָט די פעל.

די ערד האָט זיך געטרייסלט און געצויגן זיך
מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו הימלען ווייט און ברייט.
נאָר ס׳האָבן הימלען צו דער פינסטערניש געבויגן זיך —
צדיקים ליכטיקע פון אונזער פינסטער-צייט.

איר אויפגעגאַנגענע, געגאַנגען און דערגאַנגענע
מיט אָרעמס אויפגעריסענע און ברענענדיקע טריט.
כ׳דאַרף פריער ווערן אַ פאַרסמטער, אַ געהאַנגענער
דער גרויסער ווייי זאָל אויפגיין ווי אַן אמת אין מיין ליד.

די ברכה פֿאַר מײַן מי

און איך געגליכן בין צו די
וואָס האָבן אין דער שטילער שטאָט
אין שווייַגעניש געווײנט צו גאָט.
און אויף צו מינערן דאָס בייז
אַרײַנגעדאַוונט תּפֿילות טרייסט.
און פֿרום פֿון מויל צו מויל דערציילט
דאָס וווּנדער פֿון אַ נײַער וועלט —
אין דער קרובֿהשאַפֿט פֿון די
לעבט די ברכה פֿאַר מײַן מי.

און איך געגליכן בין צו די
וואָס האָבן תמימותדיק געבענטשט
דעם טעם פון ברויט, דעם שוויים פון מענטש.
פאַרגלויבט, פאַרלויבט, פאַרבענקטערהייט
געוווּנטשן זיך אַ טראָפּן פרייד.
געוווּנטשן זיך אַ טראָפּן מער
— ביים אַראָפּשלינגען אַ טרער
אין דער קרובֿהשאַפּט פון די
לעבט די ברכה פאַר מיין מי.

און איך געגליכן בין צו די
וואָס' האָבן אין דער שפּעטער שעה
נאָך אַלץ געגלויבט, אַז גאָט איז דאָ.
— גאָט איז דאָ. ער היט, ער וואַכט
און ס'האָט אַ פאָלק אין טיפער נאַכט
אין אַ מדבר־נאַכט אַזאַ
— אַריינגעהויכט איר לעצטן שמע
אין דער קרובֿהשאַפּט פון די
לעבט די ברכה פאַר מיין מי.

אַ פּראָסטע גאַס

ס׳איז אַ פּראָסטע גאַס. האַרטע, נישט־געבענטשטע רו.
כ׳האָב זיך צו דעם צוגעוווינט ווי צו אַ פרעמדער שפּראַך.

איז אַ יעדעס הויז און יעדער שטיין דאָ ווי נישט וואָר.
איז דער אמת ערגעץ אַנדערשווו און דאָס — בלויז
אויסגעטראַכט.

מענטשן, שכנים וווינען דאָ און שמייכלען ווי צופרידן.
טראָגן אום אין זיך אַ זיכערקייט, וואָס לייב געפינט
אין וואָל.

גויים, גויים וווינען דאָ און יידן —
יידן, וואָס דערציילן זיך מעשיות פון אַמאָל.

לעבט מיין זיידע ווי אַ שטילער אבל אין זיין שטוב
און באַהאַלט אין זיך אַן אמת וואָס טוט לאַנג שוין ווי.

באַלד באַגינען נאָך פאַרבויגט ער שוין זיין מידן קאָפּ
איינגעהילט אין טרויער ווי אַ ווינטער־בוים אין שניי.

מענטשן, שכנים וווינען דאָ און שמייכלען ווי צופרידן.
מענטשן זיכערע אין זיך. נישט טרויעריק צומאָל.

גויים, גויים וווינען דאָ און יידן —
יידן, וואָס דערציילן זיך מעשיות פון אמאָל.

בין איך נישט דער איינציקער ווי ס׳יאָגט
תמיד פון מיר אַזאַ ווינטערדיקע קעלט.

כ׳קום אַריין צו אים ווען נאָך אַ טומלדיקן טאָג
צוזאַמען אונטערשוויייגן צו דער דרויסנדיקער וועלט.

מענטשן, שכנים וווינען דאָ און שמייכלען ווי צופרידן.
ס׳עפנט נישט קיין איינער אונזער טיר צומאָל.

גויים, גויים וווינען דאָ און יידן —
יידן, וואָס דערציילן זיך מעשיות פון אַמאָל.

חגא

אינם פּלאָנטערניש פון ראָג צו ראָג
לויפט אַנטקעגן מיר די גאַס
מיט יום־טוב־פרייד און חגא־האַס.
מיט צעהוליעט, נישט באַצווונגען בלוט.
ווי גאָט וואָלט ערשט צום ערשטן מאָל
געזאָגט: כי טוב — ס׳איז גוט.
כי טוב — ס׳איז ווויל.

מיט בשורות, פרייד פאַררויטלט און צעגלאַנצט
לויפט אַנטקעגן מיר די גאַס.
אַ פאַרשיכורטע פון טאַנץ,
אַ פאַרשיכורטע פון האַס.
אַ פאַרשיכורטע פון פרייד.
די פאַרשיכורטקייט צינדט אָן
אויף יעדנס קאָפּ אַ פאָן.

דורך המונישן געדיכטן שטראָם
כ׳העד זיך צו ווי עמיץ רופט:
מאַכט אַ ווארע פאַר פאַגראָם!

אויף פאַר מיין טאַטנס גוף
וואָס גייט פון אַ מאַידאַנעק אויף!

אַ פרעמדקייט יאָגט פון שכנותדיקע שטיבער

אַ פרעמדקייט יאָגט פון שכנותדיקע שטיבער,
פון אייגענער — אומעטיקע קעלט.
וואָס דער אָוונט חזרט איצטער איבער
האָט די איינזאַמקייט פון לאַנג דערציילט.

די איינזאַמקייט איבער מיין ציידן אַנגעבויגן
צייכנט אָן אין זיין געמיט
אַ משל פון אַ בוים וואָס שטייט געבויגן,
אַ משל פון אַן איכה־ליד.

נאָך יאָרן ראַנגלענישן מיט דער קליפּה
ווו האָט בטחון שוין נישט אָנגעשפּאַרט?
איצט מורמלט ער מיט אַש־פאַרברענטע ליפּן —
אני מאמין — איך גלויב און וואַרט.

זיין גלויבן שפּאַנט איצט איבער וועלט־יאַרידן
צונויפזאַמלען אַ מנין יידן...

אין מידן גאַנג

אין מידן גאַנג דורך וועלט פון בייזער שנאה
קלאָגט די איינזאַמקייט מיט טרויער און פאַרדראָס.
אין פריער שעה, ווען ס׳ליכטיקט דער באַגינען
פינצטערט נאָך אין מיר — צו וואָס?

דאָס ליכט איז פרעמד. ווען נישט באַצווינגען
ווי ס׳באַצווינגט דעם בוים, דאָס שטילע גראָז.
אין יעדער גאַס — אויף מיר די טייטלדיקע פינגער
און אויגן מעסטן מיט אַ פולער שנאה־מאָס.

אָפּגעזונדערט, ווי אַ זקן איינגעבויגן
כ׳באַהאַלט מיין מידן ווי פאַר פרעמדע אויגן.
די פרעמדקייט פרירט אין זומערדיקן טאָג.
אויף יעדן הויז, טיר און טויער
צייכנט אָן מיין הויקער־שטימונג מיט באַדויער
צייכנס פון אַ שטומער, אומהיימלעכער קלאָג.

די לויטערע ווערטער

די לויטערע ווערטער פון הייליקע ספרים
פאַרזינקען אין געלע, פאַרהלבטע בלעטער.
אויף גרויע בית־עלמינס — דער יידישער חלום
פון עפּעס אַ לויטערן, ליכטיקן שפּעטער.

פינצטערט דאָס קלאָרע געמיט, וואָס דאַרף בענטשן,
דורך גזר פון טרעבלינקישן גורל — פאַרהיטן
דעם מידן בטחון וואָס לעשט זיך אין מענטש אויס,
די פרייד פונם לעבן וואָס האָט אונז פאַרמיטן.

איך גראָב זיך אַריין אין דער געלבקייט פון ספרים
צו קענען באַנעמען דעם זין פון די קברים
אויב זין איז פאַראַן גאָר אין מענטשישן בייז.

זיי שטאַרק, מיין געמיט, אין דיין צער צו פאַרהיטן
פאַרן שפּעטערן דור וואָס האָט נאָכנישט געליטן,
אַן אָפּהילך פון גוטן, אַ ניגון פון טרייסט.

פון וואַרטן מיד

צו די טרויעריקע פון מיין פאָלק
צו די טרויעריקע פון מיין היים
וועט קומען נאָכאַמאָל צוגיין
ר׳ שראל דער בעל־שם.

דער שטילער ייד פון פּראָסטן פאָלק
וואָס האָט ביים שטילן גראָז פון פעלד
געלערנט זיך די שפּראַך פון טרייסט
און האָט פאַר פרייד געבענטשט אַ וועלט.

זיין וועלט וואָס איז שוין מער נישטאָ
גייט־אויף אַצינד אין אונזער ליד.
דער וואָס וויינט־מיט אונדזער קלאָג
דערהערן וועט אויך זיינע טריט.

ווייל דורכגיין וועט ער אונדזער שטאָט
און אָפּגעבן אַ גרוס פון גאָט.
און זאָגן וועט ער שטילערהייט,
אַז ער האָט אָפּגעבראַכט די פרייד.

וועלן מיר אים ענטפערן אַזוי :
ס׳איז ווייל אונדז וואָס מיר הערן דיינע טריט.
ווייל מיד איז אונדזער גוף, פון וואַרטן מיד.
נאָר די טרויעריקע זענען שטענדיק גרייט.

און דאָס איז טאַקע וואָס דערפאַר
קומען וועט דער פּשוטער בעל־שם
צו די טרויעריקע פון מיין פאָלק
צו די טרויעריקע פון מיין היים.

כ׳וועל צוגיין...

כ׳וועל צוגיין און עפענען וועמענס אַ טיר
און זאָגן צום שכן: גאָט העלף, איך בין דאָ.
איך ווייס, אַז באַהאַלטן געהיים טיף אין זיך
וואַרט יעדער אויף עפּעס אַ ליכטיקער שעה.

ס׳איז דאָ אַזאַ ברכה, ס׳איז דאָ אַזאַ ליד
וואָס ליכטיקט אַריין אין אַ מענטשן און בענטשט.
נאָר אַ בייסיקע רוט האָט פאַרשמיסן צום טויט
די נאָענטקייט, וואָס היימישט אַ מענטש מיט אַ מענטש.

גרויסט זיך די טומאה. פון אונטערן בייז
גייט-אויף דאָס געוויין פון פאַרוואָגלטע טריט.
איך גיי דאָ אַרום גאָס-איין און גאָס-אויס —
אַן איבערגעבליבענער ייד.

צו אַלין און צו יעדן באַזונדערן אָרט,
איך זאָג אַ פאַרבענקטער: גאָט העלף, איך בין דאָ.
דער ווינט יאָגט פאַנאַנדער דאָס היימישע וואָרט
און ווייט איז פאַרבאָרגן די ליכטיקע שעה.

אין מיטן טאָג

אין מיטן טאָג פון זוניק־העלע שעהן
איך שטעל זיך ביי מיין שכנס וואַנט אַוועק
און גרייט זיך אַ פאַרציטערטער צו דעם נסיון
וואָס שטייט מיר פאָר אין קומענדיקע טעג.

איך רוף צוזאַמען מיינע אָנגעלעבטע יאָרן
און לייג אַרויף אויף זיי מיין טאַטנס עול
זיי זאָלן גרייט זיין צו דעם טאָג פון צאָרן,
צום טאָג פון מעשה־נורא און פון גרויל.

די יאָרן מיינע זינקען שטום אין קלאָג איין,
און ס׳בויגט זיך איין מיין גוף, הכנעהיק און פאַרקלעמט,
צו קענען ווי מיין טאַטע איבערט טראָגן
די שווערע לאַסט פון קענען זיין פאַרשעמט.

כ׳זאָל נישט געשטרויכלט ווערן אין דער שעה פון טרויער
ווען מיטאמאָל דערזען וועל איך אויף שכנס וואַנט,
ווי ס׳נעמט אַדורכזעצן דורך איר מיט לוויער
סימנים פון אַ נייער קינס האַנט.

די זון אין שיינעם הימל, העל־צעבלענדיקט
פאַרגלעט מיין אויג. דאָס חרובדיקע נישט צו זען.
נאָר איך פאַרבלייב שוין אין מיין טרויער נישט פאַרענדיקט
און וואַרט אויף דעם וואָס קען נאָך ווען געשען.

אַ פאַרציטערטער צום דמיון צוגענאָגלט,
איך בויג די פלייצעס איין הכנעהיק און פאַרקלעמט,
צו קענען ווי מיין טאַטע ווייטער טראָגן
די שווערע לאַסט פון קענען זיין פאַרשעמט.

אומעטום

ס'איז אומעטום פאַראַן אַזאַ מין שטוב
מיט מענטשן פשוטע, וואָס גייען אום
אין זיך פאַרשוויגענע. מיט ליפּן שטום
פון צער. געבויגענע פון פּיין
זיי ווײנען שטיל אין זיך אַריין —
ס'איז אומעטום פאַראַן אַזאַ מין שטוב.

ס'איז אומעטום פאַראַן אַזאַ מין ערד.
בויג זיך איין און זע ווי יעדעס אָרט
איז אָנגעזאַפּט מיט צער, ווי אונזער וואָרט
וואָס טראָגט אונטער די שלייערן פון קלאָג
אַזויפיל גלויבן אין אַ יום-טובדיקן טאָג —
ס'איז אומעטום פאַראַן אַזאַ מין ערד.

ס'איז אומעטום פאַראַן אַ ליכטיק אויג
וואָס היט דעם שווערן גאַנג פון מידע טריט.
וואָס עפנט זיך, ווי ס'עפנט זיך אַ ליד
און יעדע שורה ווי אַ ברכה בענטשט
די מי און שוויים פון וואָכעדיקן מענטש —
ס'איז אומעטום פאַראַן אַ ליכטיק אויג.

און איך בין נאָך אַלץ נישט מיד

און איך בין נאָך אַלץ נישט מיד
פון ליב האָבן מורמל פון תפילה.
מיין פּנים כ'באַהאַלט אין די הענט.
מיין וואָרט באַהאַלט איך אין תהילים.

מיין זיידנס געמיט אין מיין אויג.
ס'לעבן זיינס אויף מיינע פּלייצעס.
דורכקומען וועל איך ווי ער
און ווייל איז מיר ווייל, וואָס איך וויים עס.

פאַרזקנט בין איך שוין פון לאַנג.
פון איינזאַמקייט נאָך מער פאַרעלטערט.
אַזוי ווי מיין שכנס טיר — דער הימל
צו מיר — אַ פאַרשטעלטער.

די זון אויף מיין שכנס דאַך
שיינט אויף אַ פרעמדער שפּראַך.

און איך האָב ערשט נעכטן צי היינט
אַרוים מיט מיין יינגליש בטחון,
די וועלט וועט אַ יום־טוב מיר זיין.
מיט שבת — דער מיטנדערוואָכן.

ס׳וועט אָפן מיר זיין יעדע טיר.
און ס׳וועלן פון גאַסן די שטיינער
נישט שפּרינגען אַנטקעגן מיט האַס
די ליבשאַפט אין מיר צו פאַרשטיינען.

די ליבשאַפט אין מיר איז פאַרשטיינט.
די פרעמדקייט אַזוי ווי אַ סאָווע
שטאַרט אויף מיר פראַסטיק און בלינד
מיט אומגליק וואָס דאַרף נאָך ווען קומען.

די זון אויף מיין שכנס דאַך
שיינט אויף אַ פרעמדער שפּראַך.

נאָר איך בין נאָך אַלץ נישט מיד
פון ליב האָבן מורמל פון תּפילה.
מיין פּנים כ׳באַהאַלט אין די הענט.
מיין וואָרט באַהאַלט איך אין תּהילים.

ס'איז גוט

די ערד וועט ווי שטענדיק פאַרבלייבן שוין גרויס.
נאָר דאָס וואָס געהערט אונז איז אָרים און קליין.
זאָג שירה דערפאַר, וואָס ס'איז אונזער הויז
נאָך אָפּן פאַר אַלע וואָס קומען צוגיין.
ווייל אַ טאָג מיט אַ טאָג וועט פאַרגיין
און מיר וועלן פאַרבלייבן אַליין.

זאָג כי טוב, ס'איז גוט אויך דערפאַר
וואָס אין דער באַצוווּנגענער פרעמד
קומט ווער נאָך דערציילן אונז זיין צער
און ס'בלייבט אונזער שוועל נישט פאַרשעמט.

ווייל ס'וועלן פאַרלוירן גיין דאָ מיט דער צייט
די שלעכטע — אויך אפשר די גוטע, ווער ווייסט?
און מיר וועלן פאַרבלייבן פאַררוקט אין אַ זייט
ווי אַלטיטשקע מענטשן צו מוטלען... פאַרשטייסט?

ס'וועט יעדער אַוועק מיטן ליכט פונם טאָג
או זמער שוין נישט קומען צוריק.
און מיר וועלן וואַרטן ביז טאָן וועט אַ זאָג
דו אָדער איך מיט אַ קול אַ פאַרשטיקט:
זע, אַ טאָג מיט אַ טאָג טוט פאַרגיין
און מיר זענען אַלין נאָך אַליין.

דורך דער שויב

כ׳קען שטענדיק שוין זען אויף מיין שויב
אפילו בייטאָג
אַן אָנזאָג פון אומגליק און שרעק,
אַ סימן פון קלאָג.

איך הער זיך ווען צו צו אַ קול
פון אַ מענטש אויף דער גאַס —
דאָ קען מיך נישט קיינער צומאָל,
קומט קיינער צוגאַסט.

איך בין אַ פאַרשפּעטיקטער מענטש
אין דאָזיקן לאַנד.
איז אַלץ נאָך אַזוי ווי פאַרשעמט
מיין היימישע האַנט.

נאָך גוט וואָס דאָס ליד איז נאָך פול
מיט פרומען געזאַנג
און באַהעלט מיינע טריט אויף דער וועלט
וואָס וויינען אין גאַנג.

פאַר מײַן טיר

איך טראָג אויף מײַן רוקן די פֿרעמדקייט פֿון לאַנד
און שטיי פֿאַר מײַן האַלצערנער טיר, וואָס תּמיד
איז גרייט אויפֿצועפֿענען ווי אַ קרומע וואַנט
מײַן אומעט.

עס ווייסט נישט קיין איינער דאָ וואָס איך טו.
כ׳דאַרף נישט דערציילן. כ׳ דערצייל נישט קיינעם.
ס׳דרעמלט דאָ שטענדיק אויף דעכער די רו.
אין זאַטקייט לעבן מײַנע פֿרעמדע שכנים.

און זע איך אַמאָל ווען אַ שכן פֿאַרבײַגיין,
זאָג איך אַזוי: זײַ שטיל, זײַ פֿאַרבאָרגן.
וואָס טויג דען צו זען זיך אַ נאַקעטער שטיין
פֿאַר פֿרעמדע, וואָס שמייכלען קוים צו אַ גוטמאָרגן.

כ׳ווייס, אַז פֿון פֿרעמדקייט איז קראַנק מײַן געמיט.
כ׳וועל אפֿשר געפֿינען אַ זאַך וואָס איז אייגן.
ס׳וועט קומען אַ וואָרט, אויך אפֿשר אַ ליד
און אויסהיילן מײַן שווײַגן.

נאָר טרויעריק איז מיר ביז גאָר אין דעם לאַנד.
איך שטיי פֿאַר מײַן האַלצערנער טיר, וואָס תּמיד
איז גרייט אויפֿצועפֿענען ווי אַ קרומע וואַנט
מײַן אומעט.

ווי זאָל מיין ליד

ווי זאָל מיין ליד דערציילן פון שלימות?
מיין טראַכטן — זין, מיין לעבן — עיקר?
מיט מיין אומה וואָס פאַרשעמט איז
ליג איך אויך צעפאַלן אויף שטיקער.

די מי און ליבשאַפט פון מיין מאַמען
האָט דער ווינט מיט רויך פאַרבלאָזן.
און זע, אַ דור מיט מיר צוזאַמען
וואַקסט פאַרוואָרלאָזט און פאַרלאָזן.

פון יידיש־לשון, אות דער מינדסטער
ווערט פון זייער ליפּ פאַרשטויסן
און דאָס שיינע ליד, פאַרפינסטערט,
וואַלגערט זיך אַרום אינדרויסן.

דאָס ליד פון דורות אָפּגעציטערט,
אויסגעוויינט און אָפּגעשריגן.
קום איך זיין דער לעצטער היטער?
זינג איך אוים דעם לעצטן ניגון?

איך האָב דאָס ליד זיך פאַר אַ שכן
צו מיין טרויער אויסגעקליבן.
און שטילער לייען איך דעם בטחון
וואָס אין ספרים שטייט פאַרשריבן.

אין אַ זעלנער־געצעלט

איינגעווּרעט אין זעלנער־מאַנטל
ליג איך אויפן פוילן שטרוי
אַזוי מיד, אַזוי מיד,
אַן אַלטער זקנדיקער ייד.
קינס האַנט איז אַלץ נאָך צאַרן,
קינס פויסט — נאָך אַלץ אַ שווערד,
קין וואַליעט,
הבל מורמלט: „שלאָג".

עס יושעט תענוג אין אַ האַנט אַזא וואָס שלאָגט,
פאַראַן אויך פרייד אין בויגן זיך צו דר׳ערד,
פאַראַן אַ תענוג אויך אין בויגן זיך צו דר׳ערד,
נאָר ס׳איבלט שוין אַזוי פון קינס לאַפּעס,
מערער נאָך —
פון מורמלען: „שלאָג".

גראָב איך זיך אין זעלנערישן מאַנטל.
וואָס וויל דער גרינער מאַנטל פון מיין לייב?
וואָס גראָב איך זיך אין שוויים־פאַרפוילטן שטרוי?
אַזוי מיד, אַזוי מיד,
אַ זקנדיקער ייד.

אַ, אין דער וואַיעניש פון שדים־רייד,
וואָס האַלט ער נאָך, מיין זיידע, כהנדיק די הענט
צעשפּרייט?

אַ טונקעלער טאָג

ס'איז זעלנערשער מאַנטל אַ טונקעלער טאָג,
איך היל זיך אין אים
מיט אַלע אין ענגן געצעלט
צו טײַטשן דעם פּשט פון דער וועלט,
ברעמען מיד,
פּלייצעס פון שווערקייט געבויגן,
אומזיסט האָט אין עמיצנס אויגן
זיך בלאַסלעך צעהעלט
דער פּשט פון דער וועלט.

פּנימער גרוי,
ס'איז חוזק דאָס מינדעסטע וואָרט,
דער שטאַרקסטער געשריי.
אין טונקעלן פעלד שרייט אַ קראָ
ווי אַן עכאָ פון וויי,
וואָס שטייט איבער אונז דאָ
בלינד און געבויגן,
זקנדיק שווער
אין ענגן געצעלט. —
אומזיסט האָט אין עמיצנס אויגן
זיך בלאַסלעך צעהעלט
דער פּשט פון דער וועלט.

אין אָוונט

גופן אויף זעלנערשע בעטלעך,
צוקאָפּנס זיי — זעלנערשע שיך,
פאַרמאַטערט פון טאָג און פון טומלען
פינצטערט אַ יעדער פאַר זיך.

מען קוקט זיך נישט פּנים צו פּנים,
אויך צופיל דער אייגענער גוף
וואָס ס'איילט זיך אַ יעדער פאַרטאָן אים
גאָר אין אַ משא פון שלאָף.

און ליכטיקט ווען אויף אַ דערמאָנונג
פון גאָר אַן אַמאָליקן טאָג,
ווערט עס פאַרשלונגען אָן לשון
אין שטומקייט פון נאַכט און פון קלאָג.

מען דאַרף נישט קיין מיטלייד צו קיינעם,
צום שכן, אפילו צו זיך,
פינגער פאַרקלאַמערט אין שטרוי־זעק,
קעפּ — צו די זעלנערשע שיך.

מענטשן

מענטשן איינגעהילט אין וואָכעדיקן גרויל,
באַוואָלהטע, מיט מידע הענט און מידע ברעמען,
איך עס מיט זיי און שלאָף מיט זיי צוזאַמען,
איז מיר אומעטיק, איז אויך מיר וויל.

וואָס ווי זיי איך בין אויך איבעריק און קליין,
וואָס אין מיין אויג אויך שאָטנט זיך באַדויער,
איך בין אַ שותף צו זייער טרויער,
אַן אייגענער ביי זייערס אַ געוויין.

כ׳האָב פּלייצעס וויליקע. עס וועט דער עול
וואָס מאַטערט זיי, מיך נישט פאַרמיידן
איינצושפּאַנען אויך אין זעלביקן געשפּאַן.

איז מיר אומעטיק, איז אויך מיר וויל,
וואָס געקומען בין איך נישט זיך שיידן,
וואָס געקומען בין איך דאָ צו זיין.

אַן אורח אויף מיין שוועל

איך רוים אַראָפּ די זאַטקייט פון מיין טיש,
טו זיך אוים פון וווילקייט, ווי פון פרעמדע קליידער.
אַן אורח איז געקומען אויף מיין שוועל,
ער מיינט פאַרבלייבן דאָ כסדר.

ער זעצט זיך נעבן מיר ביים טיש אַוועק
און וואַרט ביז מיך וועט ווערן אייגן
דער אומגליק פון זיין גוף, זיין אומעט און זיין שרעק
וואָס ליגט באַהאַלטן ווו, אונטער זיין עול פון שווייגן.

זיין קאָפּ איז אין די אַקסלען טיף פאַרקלעמט,
און איך דערקען, דאָס וואָרט ער כ׳זאָל אים זאָגן:
איך וויל אויך זיין אַזוי ווי דו פאַרשעמט,
איך וויל אויך זיין אַזוי ווי דו דערשלאָגן.

איך ווייס נישט צי איך זאָג עס אים צי נישט,
נאָר איבער מיר נעמט נידעריק זיך וויגן
דער שווערער גורל פון מיין טאַטנס וועלט
וואָס אויך מיין טאַטע האָט אין זיך פאַרשוויגן.

ס'קען זיין, מיין טאַטע — דאָס איז ער,
דער אורח דאָ, וואָס זיצט דאָ מיר דערנעבן,
און וואַרט אַן איינגעקלעמטער, שטום און שווער,
ווי כ'וואָלט אַ שולד באַדאַרפן אים פאַרגעבן.

נאָר ס'קען אויך זיין, דער אורח גאָר בין איך אַליין,
איך זיין אַנטקעגן מיר פון אומגליקן פאַרטראָגן
און וואַרט, אַז אויפגיין זאָל אין מיר אַ וואָרט,
און וואַרט, איך זאָל אַליין זיך עפּעס זאָגן.

אין פֿלאָנטערניש

אונטער מײַנע װאַקלדיקע טריט
פֿלאָנטערט זיך דער גורל פֿון אַ ייִד,

פֿאַרטאָמניִעט גלאָץ איך אויף דעם רויִקן אַרום,
װי אַן אָפּגעריסענער נאַר מיט אָנכװנהדיקע הענט.
מײַנע מחשבֿות זענען שפּאַלטן אויף געפּלאַצטע װענט
און אַ בײַסיקע חרטה אויף מײַנע ליפּן שטומט.

פֿאַרפֿלאָנטערן װעל איך זיך אין גאַנג
און צום אײן־סוף אמת פֿון נישט־זײַן
װעל דערקומען אפֿשר, װעל דערגײן,
װי אַן אויסגעדאַװנט ביכל,
װי אַ פֿאַרגעסן געזאַנג.

בין־השמשות

דיין פאַרנאַכטיק פנים, מידער ייד, דו,
דיין פאַרנאַכטיק פנים רוט אויף מיין גזיכט,
איך בין ווי ערד אין בין־השמשות ליכט
און מורמל שאָטנדיקע לידער.

בין איך די שפּראָצונג נאָך דיין ווידוי?
אָנשטאָט צו שעפּן פרייד פון דורותדיקן טרויער,
קרים איך אויס אַ ליפּ, און מיט באַדויער
איך היל זיך טיפער נאָך אין שאָטנדיקע לידער.

נאָענט איז מיר דיין איבעריקער גוף.
היימיש־מאַמעדיק דיין שוים איז,
נאָכגיביק גראָב איך איין דאָרט מיין געזיכט
און פאַרוויג זיך ווי די ערד אין בין־השמשות ליכט.

אויפֿן טויט פֿון פּנחס גאָלדהאַר

כ׳וועל נישט לאָזן מיינע אַקסלען טאָן קיין ציטער,
כאָטש ס׳וויינט אין מיר דיין פּלוצלינגדיקער טויט,
מיר לאָזן דיך אַראָפּ
נידעריקער־נידער —
מיר וועלן דיך אויפהויבן, ווען אויפגיין צוריק ווי ברויט...

דו ביסט געווען דער ערשטער דאָ, דער אָנהויב,
צו קאָרמענען דאָס וואָרט דאָס יידישע, מיט אייגן
פלייש און בלוט.
און מיר, געקומען זענען מיר ערשט
שפּעטער־שפּעטער,
נאָכצוזאָגן דיר בראשיתדיק: כי־טוב, ס׳איז גוט.

װער האָט אין דער פֿאַרװאָרפֿנקייט געשטאַרקט דײַן האַנט?
מיט איובֿשן געדולד — אין אײנזאַמקייט גענערט? —
ס׳װעט נאָענט שױן זײַן צו אונז, אַצינד, דאָס לאַנד,
נענטער נאָך — אױ װײ — די פֿרעמדע ערד.

נאָר כ׳װעל נישט לאָזן מײַנע אַקסלען טאָן קײן ציטער,
כאָטש ס׳גרױלט אַרױס פֿון מיר די נאַכט.
כ׳װײס נישט װער ס׳דאַרף זײַן אַצינד דער היטער,
נאָר איך, נאָכנישט געראָפֿענער, װעל שטײן אױף װאַך.

דו האָסט באַיאָעט מײַן פֿאַרטונקלטן באַגינען,
באַזינען װעל איך איצט דײַן טױט,
מיר לאָזן דיך אַראָפּ
נידעריקער־נידער —
מיר װעלן דיך אױפֿהײבן, װעסט אױפֿגײן צוריק װי ברױט.

1947

אויך דיין דור האָט אין בענקשאַפט אַזוי אָפּגעלעבט

(צום ערשטן יאָרצייט
פון פנחס גאָלדהאָר).

ס'איז ווידער שוין זומער אין שיינעם לאַנד,
דער פויגל זינגט, די זון איז בלענדיק,
און אויף די ציגל פון מיין שכנס וואַנט —
ווינטער אַזוי ווי שטענדיק.

אַ פרעמדער נאָך אַלץ אויף מיין אייגענער שוועל,
איך זע ווי מיין שכן קערט אָפּ זיין פּנים
און איך אַ פאַרנאַרטער פּרוּוו און פאַרשטעל
מיין פרעמדקייט, וואָס כ'וויים נישט ווי איך זאָל
פאַרטאָן עס.

כ'וויים נישט אַוו — כ'פאַרטו עס דאָך פאָרט,
ווי ס'טוט עס אַ יעדער — דער צי אַ צווייטער:
כ'בויג זיך אַראָפּ צו אַ טרויעריק וואָרט,
פאַרבלייב שוין אַזוי און לעב אָן ווייטער.

וואָס ווייטער מיינט? ס'מיינט גאָרנישט מיט גאָר,
אַ סימן — אָט טו איך שוין ווידער קומען
צום גראָז אַרום דיר, וואָס איז אַלט שוין אַ יאָר,
צום שטיין איבער דיר צו דערמאָנען דיין נאָמען.

אויך דיין נאָמען פֿאַרצאַנקט שוין אַזוי ווי אַ קנויט,
נאָר נישטאָ אויך אויף דעם וואָס פֿאַראיבל צו האָבן,
נאָך אַן איינזאַם לעבן, בלייבט איינזאַם דער טויט,
דערצו ווען מען איז אַזוי פֿרעמד באַגראָבן.

איך שטיי איבער דיר — אין מיין האַנט אַ גראָז,
ער איז האַרט און שטעכיק, כאָטש נעם און צעטרעט אים.
נאָר מסתמא ווייס ער, דער גראָז, פֿאַרוואָס
ער דאַרף פֿון מיין האַנט זיך נישט לאָזן גלעטן.

פֿרעמד איז דאָס לאַנד מיר, אור־אַלט פֿרעמד,
אָט, אַ פּשוטער גראָז און איז גרייט צו פֿאַרשעמען,
נאָר כ׳בין נישט פֿאַרדראָסיק, בלייב נישט פֿאַרשעמט,
כאָטש שווער איז מיר אַלץ נאָך דאָס קלאָר צו באַנעמען.

פֿאַרגיב־זשע דערפֿאַר מיין געבראָכנקייט הייַנט,
כ׳האָב נישט געמיינט איצט אַזוי־אָ צו קומען,
נאָר כ׳געדענק ווי אויך דו האָסט אַמאָל זיך צעוויינט
און ס׳האָט נישט דאַן קיינער ס׳געוויין דיינס פֿאַרנומען.

איצט וויינסטו נישט מער. היימיש ביז גאָר
איז די ערד דיר פון לאַנג שוין מסתמא געוואָרן,
דאָס גראָז אַרום דיר איז אַלט שוין אַ יאָר,
אַ שטיין איבער דיר — לשם הזכרון.

און דאָס וואָס דו האָסט דיינע טעג אָפּגעשטרעבט
נאָך פרייד, וואָס מען האָט דיר פאַרגעסן צו שענקען?
— אויך דיין דור האָט אין בענקשאַפט אַזוי אָפּגעלעבט
און דער צווייטער נאָך אים וועט אים מער נישט געדענקען.

זיי מוחל מיין יאוש, אַן אבל בין איך,
כ׳זאָג קדיש, ווי ס׳פּירט זיך, און זאָג אויך נאָך אָמן,
און דאָס דאָזיקע ליד — זאָל עס זיין אַ יאָרצייט-ליכט
צו באַלייכטן אויף ווייטער אין מיר דיין נאָמען.

1948

אותיות

ווער ווייס צי איך באַנעם גאָר
אַ מענטשנס צער, אַ וועמענס קלאָג,
מיין אייגן גייעניש פון טאָג צו טאָג,
מיין מי, מיין פליים —
ווער ווייס ?

פון ביכלעך יידישע איך לייען אַרויס
תחינה־לידער, אות ביי אות —
אַן אלף, אַ בית.
ווער ווייס ?

ווער ווייס צי איך באַנעם גאָר
מיין שטוב, און אַלץ וואָס כ׳רוף דאָ היים,
צו טראַכטן נישט די זאַכן אין געהיים
מיר אָפּצוטאָן ווען עפּעס בייז —
ווער ווייס ?

די טענות פון מיין ליד
גייען נאָך מיר נאָך,
טריט נאָך טריט —
אַן אלף, אַ בית.
ווער ווייס ?

אין פאַבריק

אַלטע טאָג-טעגלעכע רייד,
רייד — צו זיך אין דערשטיל,
ביז וואָרט אין אַ שווייגן פאַרגייט —
אויך שווייגן איז מער נישט ווי שפּיל.

איך קוק זיך אַרום און איך זע:
פון יעדער באַזונדערער זאַך
קוואַלט אַזאַ שטומקייט אַרויס,
וואָס וויינט אויף אַן אייגענער שפּראַך.

בויג איך זיך איין און דערצייל
דעם אייזערנעם קאָפּ פון מאַשין:
אויך איך בין נישט מער ווי אַ זאַך
ווייס איך, אַן אַנדערער מין.

אויך איבער מיר זילבערט דער שטויב,
אַרום מיר — אַ וואַנט מיט אַ וואַנט,
אַ ליכטיקער שטראַל דורך דער שויב
שטרעקט צו מיר וואַרעם אַ האַנט.

גלעט מיין פאַרשטויביקטן קאָפּ
ביים אייזערנעם קאָפּ פון מאַשין —
אויך איך בין נישט מער ווי אַ זאַך
ווייס איך, אַן אַנדערער מין.

כ׳געהער שוין נישט מער

דער טומל פון שטאָט געהערט מער נישט צו מיר,
ס׳געהערט מער נישט צו מיר אויך די שוועל פון מיין שכן.
אויף שטום־לשון מורמלט אַ טיר צו אַ טיר:
ווער האָט עס די טריט זיינע אונטערגעבראָכן?

עס איז נישט די שיינקייט פון הימל און זון
און אויך נישט דער טאָג, וואָס איז האַרבסטיק און ווינטיק.
נאָר עפּעס אַ גלאָק קלינגט און קלאַנגט מיט באַפעל,
מיט געשריי אויף מיין קאָפּ: ביסט זינדיק, ביסט זינדיק.

פאַרוואָס בין איך זינדיק? איך וויים נישט פאַרוואָס.
דאָס אומגליק, ווי ווילד־גראָז, וואַקסט מיט מיט מיין לעבן.
ביינאַכט קומען אייגענע טויטע צוגיין
טרויער צו מאָנען און איך האָב נישט צו געבן.

זיי שטעלן זיך צוקאָפּנס, פאַרעקשנט און שטאַר,
קוקן און שטומען, ווי ס'איז זייער מנהג,
אויף מיר אַ צעלייגטן אין ווייכקייט פון בעט
וואָס ווער, נישט פון נויט, נאָר פון זאַטקייט פאַרטיליקט.

און וואָס געשעט ווייטער ? ס'געשעט שוין נישט מער,
כ'שטיי-אויף איגדערפרי מיט זון-ליכט באַטראָפנט,
און זוך צו פאַרגעסן אין טעם פון מיין ברויט
די וועלט, וואָס קומט מיר ביינאַכט צוקאָפּנס.

נאָר אַ גלאָק קלינגט אָן אויפהער : זיי ווייסן, ביסט אוים,
זיי ווייסן נאָך מער — ביסט אונטערגעבראָכן,
דער טומל פון שטאָט געהערט מער נישט צו דיר,
ווי ס'געהערט נישט צו דיר די שוועל פון דיין שכן.

מיין זיידן האָט די טומלדיקע וועלט פאַרשעמט

(ר. ראָטבערג'ן).

מיין זיידן האָט די טומלדיקע וועלט פאַרשעמט,
האָט ער מיט דער מידה פון אַ למד-וואָוו
די פּלייצעס איינגעבויגן ווי אַ קוף,
ביז גאָט האָט אים צו זיך פאַרקידוש-השמט.

איצט ציטערט איבער מיר זיין ליכטיק טון,
און ס'איז די ליכטיקייט מיר צופיל שווער,
כאָטש ס'קען געמאָלט זיין, אַז איך בין שוין ער,
נאָר קיינער ווייסט נאָך אפשר נישט דערפון.

ס'קען גריילעך זיין. כ'דערקען עס אָן דער קעלט
וואָס יאָגט און שלאָגט מיט פרעמדקייט און מיט סוף,
און אין דעם אופן ווי עס קרימט זיך איין מיין גוף
צו קענען דורכטראָגן די שווערקייט פון דער וועלט.

שפּרעך איך אָפּ דאָס טאָג־ליכט פון דער שויב,
וואָס נאָך מיין זיידע האָט מיט ביטול אָפּגעווענדט
און שפּאַר מיין שטערן אָן, אָן רוקנס ביי די ווענט,
וואָס באַהאַלטן זייער נצח אונטער שטויב.

דורכגענומען מיט קהלת־צער זיי ווייסן אויך:
עול פון חכמהשאַפט מיינט אויבעט ווײ,
באַהאַלטן זיי צווישן טאָוולען דאָס געשריי
פון פאָלק, וואָס איז אַוועק מיט ווינט און רויך.

נישט דערדאַוונט, נישט דערוויינט, זיי שטייען צוגעמאַכט.
און טונקלען מיט דער טונקלקייט פון פאָלק,
וואָס איז אַוועק אַזוי אָן זין, אַזוי אָן טאָלק,
ווער ווייס אין וואָסער טאָג, אין וואָסער נאַכט?

אַן אָנגעשפּאַרטער אָן די ביכער כ׳הער זיך איין
ווי טאָוולען סודען זיך, אַז שוין פון לאַנג
ווי זיי הערן פון מיין גאַנג
אַרויסווייַנען מיין זיידנס שטיל־אין־זיך געוויין.

כ׳בין אויך אַ וואַכמאַן דאָ, וואָס וואַכט,
אַ בעזעמל פון פעדערן אין האַנט און שאַר
דעם שטילן שטויב אַראָפּ, פון דורות צער,
וואָס ליגט באַהאַלטן אין דער ספרים־נאַכט.

ס׳קען זיין, איך זוך נאָך דאָרט אַ פונק פון טרייסט,
ס׳קען זיין, איך וויל דערהערן נאָך אַ מונטער קול
צי ביים נביא פון דער מעשה ביי דעם טאָל,
צי גאָר ביים חדר־ייִנגל פון דעם שיינעם אלף־בית.

נאָר וואָס איך הער איז גאָר אַ שווייגן וואָס באַפעלט.
לערן זיך די מידה פון אַ למד־וואָוו,
בויג די פלייצעם דיינע, בויג דיין גוף
צו קענען דורכטראָגן די שווערקייט פון דער וועלט.

פון אונטער דער אַרימקייט

פון אונטער דער אַרימקייט און דעם שכנ׳ס האַס
האָבן די לידער פון ברויט און פון שווייס
אַנטקעגן געטראָגן דעם נביא וואָס טרייסט
דאָס טרויעריק פנים פון דער יידישער גאַס.

און איך האָב פון קינדווייז, פאַרשפּילט פון דער נויט,
פאַרגרעגערט, געחוזקט פון המנס געביין,
איצט טראָגט ער מיין קללה, איך — דאָס געוויין
פון דורות פאַרפייניקט צום טויט.

ווי שטיל ס׳איז אַצינד דאָרט. ס׳בית-עולם געמיט
באַצווינגט מיינע טריט אין דער וויט-גאָרער פרעמד.
איך פלאָנטער זיך אום דאָ ווי עפּעס אַ ליד,
וואָס זינגט פון אַ לעבן פאַרוואָגלט, פאַרשעמט.

וואָס זינגט פון אַ בעטלער, צי גאָר אַזאַ נאַר,
וואָס טראָגט מיט זיך שטענדיק אַ ביכעלע צער.

און מיין מאַמע שטייט דערביי...

מיין מאַמעס האַרץ איז אויסגעגאַן
מיט בענקשאַפט נאָך אַ ניגון
פאַר איר טרויער, וואָס זי האָט
אַ לעבן־לאַנג פאַרשוויגן.

האָב איך איר בענקשאַפט און איר וויי
אין זיך אַריינגענומען
און מיט די מתנות צוויי
בין איך צום ליד געקומען.

און איך האָב זיך ביים ליד געפרעגט:
ווו איז פאַראַן דער ניגון
פאַר איר טרויער, וואָס זי האָט
אַ לעבן־לאַנג פאַרשוויגן.

האָט ס׳ליד צו מיר אַזוי געזאָגט:
אוי זינג דיין מאַמעס טרוי׳ר אויס
מיט דעם שטילן בטחון־ליד,
וואָס ס׳פאָלק געדענקט פון דורות.

האָב איך צום ליד זיך צוגעהערט
און מיט מיין פאָלק צוזאַמען
זינג איך אין פאַרוואָגלשאַפט
דעם טרויער פון מיין מאַמען.

ווען דאָס פֿאָלק אין אומגליק וויינט

האָסט געעפֿנט דיין געמיט
ווי א טיר צום צער פון מענטשן
איז געקומען ס'שטילע ליד
ווי א ברכה דיך צו בענטשן.

אויך די ברכות זענען היינט
אָנגעהויכט מיט בייזע בשורות,
ווען דאָס פֿאָלק אין אומגליק וויינט
וויינען־מיט די שיינע זמירות.

און דער מינדסטער, דינסטער אות
פון א ביכל דין און אָרים
וויינט אריין אין פולן כום
מיט די שיינע, גרויסע ספרים.

וואָס באַדייט אַזאַ געוויין?
ס'האָט דערווייל נאָכנישט קיין נאָמען,
ס'וועט מסתמא ווו דערגיין,
ס'וועט מסתמא ווו אָנקומען.

מיש די בלעטער, בלאַט נאָך בלאַט,
וועסט דעם רוף פון טרייסט דערהערן,
אויך די וועלט איז נע־ונד
ערגעץ־ווו צווישן שטערן...

אַ היים

ווייַש אָפּ פון הימלאָזע דעם שטויב פון וועגן,
זיי קומען אויפבויען אַ סימן־היים
מיט ליכטיקע מחשבות פון בעל־שם.

עס קומט זיי קיינער נישט גוטמאָרגנדיק אַנטקעגן,
נאָר הינטער זיי גייט נאָך דורך יעדער גאַס
אַ קאַפּעליע פון אַ בערל־שמערל־באַס.

ווער זענען זיי, די הימלאָזע, ווער?
נביאים זענען זיי, וואָס ווי אַמאָל,
זיי נידערן אַראָפּ אַצינד צום טאָל.

גאָטס אָטעם וועט זיי מער שוין נישט פאַרלאָזן,
זיי קומען איינזאַמלען דעם גרויסן בראָך,
ווי ס'פלעגט אַ שבת איינזאַמלען די טעג פון וואָך.

דער גרויסער צאָרן האָט זיך אויף זיי אויסגעגאָסן,
לייכט איצט אין די הערצער זייערע דערפאַר
אַ ליכט אַזאַ, וואָס שטראַלט אַרויס פון צער.

דאָס ליכט וועט שטראַלן אויף ליים און ציגל,
אַריינשטראַלן דורך די פענסטער פון דער היים,
ווי ליכטיקע מחשבות פון בעל־שם.

אינהאַלט:

זייט

מיין טאַטנס שוויים — — — — — — — — 9
ב׳געזעגן זיך — — — — — — — — — 10
אויף דיין פּיוערדיקער — — — — 12
ציי‌כנס פון דיין פּנים — — — — — — — — 13
זע — — — — — — — — — — — 14
אין סוף פון די טעג — — — — — — — — 15
ס׳געבעט — — — — — — — — — 18
אונטער דיין דראַענדיקער האַנט — — — — — — 19
אַ בריוו אין מיין האַנט — — — — — — — 20
טאַכטער שיינע פון די דריי מתנות — — — — 21
מיין ברודערל — — — — — — — — 22
באַהעל מיך נישט — — — — — — — 24
גורל מיינער — — — — — — — — — 27
אויפגעגאַנגענע — — — — — — — — 28
די ברכה פאַר מיין מי — — — — — — — 30
אַ פּראָסטע גאַס — — — — — — — — 32
הגאַ — — — — — — — — — — — 34
אַ פרעמדקייט יאָגט פון שכנותדיקע שטיבער — — 35
אין מידן גאַנג — — — — — — — — 36
די לויטערע ווערטער — — — — — — — 37
פון וואַרטן מיד — — — — — — — — 38
ב׳וועל צוגיין . . . — — — — — — — — 39
אין מיטן טאָג — — — — — — — — 40
אומעטום — — — — — — — — — 43
און איך בין נאָך אַלץ נישט מיד — — — — 44
ס׳איז גוט — — — — — — — — — 46
דורך דער שויב — — — — — — — — 47
פאַר מיין טיר — — — — — — — — 48
ווי זאָל מיין ליד — — — — — — — — 49

אין אַ זעלנער־געצעלט — 50
אַ טונקעלער טאָג — 51
אין אָוונט — 52
מענטשן — 53
אַן אורח אויף מיין שוועל — 54
אין פלאַנטערנייש — 56
בין־השמשות — 57
אויפן טויט פון פנחס גאָלדהאַר — 58
אויך דיין דור האָט אין בענקשאַפט אזוי אָפּגעלעבט — 60
אותיות — 64
אין פאַבריק — 65
כ׳געהער שוין נישט מער — 66
מיין זיידן האָט די טומלדיקע וועלט פאַרשעמט — 68
פון אונטער דער אָרימקייט — 72
און מיין מאַמע שטייט דערביי... — 73
ווען דאָס פאָלק אין אומגליק וויינט — 74
אַ היים — 75